NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11224

# FUN FINTSTERN FODERTSIMER

Arkady Lyubtshenko

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק ,,סערפּ און האַמער"

א. ליובטשענקא

# פֿון פינצטערן פּאָדערצימער

אוקר מעלוכע
נאַצמינדפאַרלאַג
כאַרקאָוו—קיעוו

ביבליאָטעק „סערפּ און האַמער“

אַרקאַדי ליובטשענקאָ

# פֿון פינצטערן פּאָדערצימער

ייִדיש — ד. האָפשטיין

מעלוכישער נאַצמינדפאַרלאַג פון או. ס. ר. ר.
כאַרקאָוו 1932 קיִעוו

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літописі Укр Друку", „Картковому репертуарі" та інших покажчиках Української Книжкової Палати

או. פ. ס.
ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע ביכער־
און צייטונג־פאבריק
כאַרקאָוו, טשערהוואַני ריאַדי 25־28
באַסט. נום 118. טיראַזש 4000.
אוקרהויפטליט נום. 10324.

גאַנצפרי האָט יאַן אַראָפּגעלאָזן די פיס פונעם טאַפּטשאַן און פויל גענעצנדיק, האָט ער אַרומגעפירט די אויגן איבערן האַלב־טונקעלן פאָרעדצימער פון דער קאָנטאָר באַם זאַוואָד — עמיצער האָט, דאַכט זיך, אָנגעקלאַפּט פון דרויסן? זיין ווייב קלימציע איז אַריין. זי האָט פון דאָרף געבראַכט עסן און אַ זאַק.

ערשט איצט האָט זיך יאַן דערמאַנט, אַז הײַנט איז שאַבעס און אַז ער איז שוין צוויי וואָכן אין דערהיים ניט געווען. קלימציע איז געקומען מיט אַ זאַק — דאַרף מען הײַנט, הייסט עס, טראָגן קוילן אַהיים.

יאַן האָט זיך פאַרקרימט, האָט אַ קראַץ געטאָן די באַק און האָט אַ בורטשע געטאָן:

— זעץ זיך!

יעדעס מאָל, ווען ער דאַרף בעגעניווע איבערטראָגן קוילן אַהיים, פילט זיך יאַן עפּעס ניט אָמבעסטן. אָפּטמאָל האָט ער זיך געפּרוווט אָפּזאָגן (מ׳קאָן, ווי איינער זאָגט, כאַפּן), אָבער קלימציע פלעגט שטענדיק איבערצייגט זאָגן:

— וואָס רעדסטו, אַלטער?.. ס׳איז דען דיר דאָס ערשטע מאָל?.. דו וועסט ווי ס׳ניט איז דורכ־

טראַגנ... צי ס'טוט דיר עפּשער באַנק — דער זאַוואָר וועט פאַראַרעמט ווערנ ? — אונ אַנבלאָזנ־דיק זיכ האָט זי שטיל צוגעגעבנ:

— מע דאַרפ דאָכ...

יאַנ האָט געוווּסט, אַז מע דאַרפ, ווייל מיט קוילנ איז ניט שרעקלעכ צו הייצנ דעם אַפּאַראַט, סע רויכערט ניט — אונ די מאַשקע באַקומט זיכ דרייִ־נער אונ אָנ א רייעכ, אונ כאָטש ער האָט זיכ גע־וואַקלט, האָט אײנ געדאַנק באַקעמפט אַלע זײַנע וואַקלענישנ: איצט, אַז דער זאַוואָד רעכנט זיכ פאַר אַ פאָלק־גוטס, דאַרפ מענ זיכ אינ עמעצנ ניט באַגרענעצנ די מעגלעכקײַטנ. ס'איז קײַנ אוולע ניט איצט, בא אזעלכע באַלעבאַטימ, ווי די באָל־שעוויקעס, דעם גאַנצנ זאַוואָד צו לאָזנ מיט רויכ, ניט נאָר וואָס נעמענ א ברעקל קוילנ...

יאַנ האָט צונויפגעלייגט דעם זאַק אונ אימ אוועק־געלייגט אינ א ווינקל הינטער די טרעפּ.

— נו, וואָס הערט זיכ דאָרט אינ דערהיימ?.. — האָט ער אומעטיק געפרעגט.

— וואָס איז דאָרט אינ דערהיימ?.. דאָסזעלבי־קע. קײַנ וועש האָב איכ ניט געבראַכט, וועסט הײַנט קומענ, וועסטו איבערבייטנ, — האָט קלימציע פאַר־זאָרגט געזאָגט, אונ האָט פאַנאַנדערגעבונדנ דעם קלומעק.

— אונ וואָס מאַכט זאָסיקע? דו גיסט אפּ איר אכטונג?

— זאָסיקע? זי איז דענ דאָ ניט געווענ?

— ניין, זי איז דען אויך מיט דיר געקומען?

— יאָ... זי איז, ווייזט אויס, ערגעץ אריינגעלאָפן. דאָס איז דאָך א גאָלד... א מיידעלקע, ווי א געזונטער סאָלדאַט, און אין קאָפּ — א ווינט...

— וואָס איז דען? — האָט זיך יאַן אָנגעשטרענגט.

— דו האָסט זי צעבאַלעוועט, אָט וואָס... וואָס הייסט, עפּעס א באַסיעבידקע! — האָט קלימציע, זיך דרייענדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געלאָזט צו דער טיר.

יאַן האָט זי געוואָלט פאַרהאַלטן, געוואָלט זיך פאַנאַנדערפרעגן וועגן דער טאָכטער, ער האָט נאָר וויך פאַרגעוואָרפן:

— וואָס האָט איר אזוי פרי אָנגעהויבן גיין?

— פרי, עפּשער ווינציק אַרבעט? פיר הענט און מיר קענען זיך אויך ניט איינפּאַרן, — האָט זי שוין פון שוועל א הוקע געטאָן.

יאַן האָט איר נאָכגעקוקט, א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים, און אונטערציענדיק דעם אָטשקור, האָט ער אוועקגעשקראַבעט אין קאַנטאָר. ער איז געווען א גאַנץ שטייפער, כאָטש ער איז שוין אַלט געווען א גוטע האַלבע מייע יאָרן. נאָר דער רוקן האָט זיך אביסל איינגעבויגן — א הויקער.

אין קאַנטאָר, האָט ער ווי שטענדיק אָנגעהויבן אַרומגיין אַרום אַלע טישן און אַרומווישן דעם שטויב. פון איין טיש — גיט ער עפּעס א בלאָז, א ווייַ, אפן צווייטן גיט ער גלייכגילטיק א פּאַכע, איין

מאָל, צוויי מאָל, פונקט ווי ער זאָל פליגן אראָפּ־
טרייבן.

אזוי יעדן טאָג, ביז קיינער איז ניט געווען, פלעג ער זיך ארומדרייען מיט דער שמאטע אין דער האַנט, פלעג איבערוקן די בענקלעך, די טישן און ארומווישן דעם שטויב — ער האָט שטיל אונטערן נאָז געמורקעט, האָט מיטן געניטן אויג אָפּגע־מאָסטן, צי איז אלץ אין אָרדענונג.

פון דער שמאָטע האָט זיך אופגעהויבן א שטויב, און פון פענצטער באַאַלאכטן דעם צימער, איז געפאלן א גאָלדענער פאס... יאַן האָט זיך עפּעס אָפּ א ווײַלע אָפּגעשטעלט נעבן אים, האָט באַט־ראכט, ווי ס'טאַנצן טויזנטער וואונדערבארע ברע־קעלעך, און ס'האָט זיך אים פאַרגעשטעלט עפּעס טרייעריקס־ווייטס. ס'האָט זיך אים פאַרגעשטעלט, אז אזוינס איז שוין אמאָל געווען, צי ס'האָט זיך געכאָלעמט... פונקט אזוי איז ער געשטאַנען אין א גאָלדענעם פאס, פונקט אזוי אינדערפרי, נאָר ס'איז נאָך עפּעס זייער שיין געווען—ס'איז זיך שווער דערמאָנען...

און אין דרויסן האָט דער פרילינג געקלונגען. ס'איז געווען די צייט, ווען אין סעדל נעבן זאוואָד האָט זשאסמין געבליט און מיט א זיסן אומעט אָנגעפולט די ברוסט, און אין די אָפּדערנאכטן האָט איבערן זאוואָד און איבערן דערפל זיך גע־טראָגן דער אָנדערמידלעכער געזאנג פון סאָלאָ־ווײַ.

יאַנ האָט צעעפּנט דעם פּענצטער. ס׳האָט א אטעם געטאָנ מיט שטייפער פרימאָרגענדיקער קעלט, אונ בלומענ האָבנ שאַרפ זיכ צעשמעקט.
הינטערנ סעדל, ווייט אינ הויפ, איז געשטאַנענ א הייפעלע מענטשנ. צווישנ זיי אינ א לעדערנער טוזשורקע אונ אינ א לעדערנער היטל איז געשטאַנענ דער פאַרזיצער פונ זאווקאָמ—סאווקאָ בעזולי.
יאַנס פּאָנימ האָט זיכ גלייכ געענדערט — ער האָט דערקענט סאָווקענ.
— אָט — לעדערנער טייוול, — האָט ער באַדיי־געז געבּרומט — פונ פאַרטאָג נאָכ שוינ אפ די פיס... פּונקט ווי אנ עמעטער באַלעבאָס...
ער האָט זיכ נאָר אָפּגעקערעוועט, קעדיי גיכער צוקלייבנ דעם זאווקאָמס צימער, ערשט די קוש־טשעס האָבנ מיטאמאָל א טרישטשע געטאָנ. ער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ צומ פענצטער — אינ סעדל האָבנ צוויי יאַטנ איילענדיק געבּראָכנ די צווייגנ פונ זשאַסמינ.
— וווהינ איז? אָט וועל איכ דיר! — האָט יאַנ א געשריי געטאָנ, פאָכענדיק מיט דער שמאַטע.
די יאַטנ האָבנ זיכ פלינק אריבּערגעכאַפּט איבער פּאַרקאַנ, אונ איינער פונ זיי האָט ארויסגעשטעקט דעמ צונג, האָט פאַרקרומט די צורע, אונ האָט מיט קאָעס א כריפּע געטאָנ:
— אר־אַו... באַרבאָס!..
דערנאָכ, אבּיסל אָפּלויפנדיק ויינענ זיי זיכ ביידע פאַרגאַנגענ פונ געלעכטער.

אלס ענטפער, האט יאנ א קלאפ געטאנ מיטנ פענצטער. אנ אנדערש מאל וואלט ער זיי אנגעלערנט, זיי וואלטנ געוווסט די שיבעניקעס, ווי אזוי באליידיקנ עלטערע, אונ איצט...

— הויב זיכ נאר אנ מיט זיי, איצט איז דאב „סלאבאדע“... — האט ער אידאניש בייז א דריי געטאנ מיטנ קאפ אונ איז אריינ צו סאווקענ אינ צימער.

ער האט שטרענג אופגעקעמט די וואנצעס, האט עטלעכע מאל א פאכע געטאנ מיט דער שמאטע איבער דער שאפע, דערנאכ האט ער אפגעשטעלט זיינ בליק אפנ בילד, אפנ גרינגנ שמייכעלע פונ איליטש, וואס האט זיכ איבערגעבויגנ איבערנ טיש. יאנ האט א קיי געטאנ עפעס אנ אומקלארנ געדאנק אונ האט זיכ מיטאמאל גיכ א נעם געטאנ פאר דער ארבעט.

ער האט ניט ליב געהאט דעם צימער. נאכ מער: ער האט אימ פיינט געהאט. ער האט ניט געקאנט אנקוקנ דעם פארזיצער פונ זאווקאם, אט א יענעמ, וואס איז אמאל א פאסטעכל געווענ אונ האט ארומגעשפאצירט מיט א הוילנ הינטנ...

אמאל האט זיכ סאווקע געווענדעט צו יאנענ (אונ יאנ איז דאנ געווענ א בעקאווידיקער פריצישער אנטרייבער) ניט אנדערש, ווי „פעטער“. אונ איצט זיצט סאווקע אלס פארזיצער אינ דעם קאבינעט אפנ ארט פונעמ אמאליקנ באלעבאס אונ — זאגט יאנענ:

— כאווער...

— וואָס פאַר אַ כאַווער בינ איכ דיר, צזמ טייוול? צוזאַמענ עפּשער כאַזיירימ געפּאַשעט? עפּשער שוינ פאַרגעסנ, ווי איכ האָב דיכ מעכאַבעד געווענ פאַר אַנ עפּל פונעמ דירעקטערס סאַד? — האָט יאַנ אָפּט געטראַכט.

ער האָט ניט געקאָנט פאַרגעסנ ווי סאַווקע, ווענ ס׳האָט זיכ אָנגעהויבנ די רעוואָליוציע, האָט אימ געדראָט מיט אַ נאַגאַנ, פאַרענדיק אָפּשליסנ דעמ דירעקטאָרס שטאַל, ווי ער האָט אימ נאָכדעמ פאַר אַלעמענ אינ די אויגנ אַ מאַכ געטאָנ איבערנ היטל, אונ האָט נאָכ געדראָט:

— וואַרט נאָר אויס, פּאַניע יאַניע, מיט דיר וועלנ מיר זיכ נאָכ באַזונדערס דורכשמועסנ.

אונ ער האָט זיכ דורכגעשמועסט—שוינ אָפּנ צווייטנ טאָג האָט מענ יאַנענ געמאַכט אויס קוטשער. ער האָט זיכ אָנגעליטנ צאַרעס ביז ער האָט זיכ אײַנגעבעטנ פאַר אַ וועכטער אינ קאָנ־טאָר.

עמעס, דאָס איז געווענ מיט עטלעכע יאָר צוריק, ס׳האָט זיכ אָפּגעריבנ, אַוועקגעשווומענ מיט גיכע טעג, נאָר די באַליידיקונג האָט זיכ ווי אַ שווערע היטשעשע אָפּגעזעצט אָפּ יאַנס האַרצנ. ער איז גע־ווענ זייער אַ גיווערדיקער: פריער האָבנ אימ אַלע אָפּגעגעבנ קאָוועד אונ ער וואָלט אפילע דעמ עקאָנאָמ ניט דערלויבט אַראָפּזעצנ די היטל, אונ ביפראַט נאָכ עפּעס אַ „מאַלאַקאָסאָס“ סאַווקע.

און איצט, צוקוקנדיק זיך צו אלץ, וואָס ארום האָט זיך געטאָן, האָט ער נאָר געקניטשט מיט די פּלייצעס און האָט בעשומויפּן דאָס ניט געקענט באַגרייפֿן און זיך דערצו צוגעווינען.

פֿאַרענדיקט אופֿראַמען, האָט זיך יאַן אומגעקערט אין פֿאָדער־צימער. ער האָט ארויסגעשלעפּט אַן עמער פֿון ווינקל, האָט זיך אײַנגעוואַשן. דערנאָך האָט ער מיט אַן אײַזערנעם קעמעלע פֿלייסיק צעקעמט די געל־גרויע קלעפּיקע האָר אַפֿן קאָפּ און די פֿרעכטיקע וואָנצעס מיט די באַקנבאַרדן. דאָס איז יאַנס אַן אַלטע געוווינהייט. דאָס איז נאָך געווען פֿון יענע צייטן, ווען ער איז געווען אַ לאַקייטשיק און שפּעטער אַ קוטשער. אַ געוווינהייט, פֿאַר וועלכער מע האָט אים נאָך ביז איצט גערייצט „פּאַן יאַן". נאָר ווי מע זאָל דאָרט ניט רעדן, ווי מע זאָל קרום ניט קוקן, האָט ער געוווּסט נאָר איינס: אַ ריינער שליאַכטיטש האָט שטענדיק מערער קאָוועד, און די פֿאַרמורזעטע „שאַנטראַפּאַ" זיינען שטענדיק מעקאַנע די ריינע.

דערפֿאַר האָט ער אום יאַנטעוו אומבאַדינגט אָנגעטשעפּעט דעם גומענעם קאָלנער און האָט ערלעך געפּוצט די שטיוול.

זיך איבערגעצייילעמט, קוקנדיק אין אַ ווינקל מיט שפּינוועבס אָפּגעשעפּטשעט אַ קורצע טפֿילע, האָט ער סאַפּקאָלסאָפּ ארויסגענומען פֿון טאָרבע דעם אָנבייסן און האָט פֿאַמעלעך, ניט געכאַפּט זיך געזעצט אין אַ ברייטן אַלטמאָרישן פֿאָטעל מיט אַ צעריסענעם דעק.

דעמ פּאָטעל האָט ער אַליינ אַרויסבאַקומענ. ער האָט אימ געבראַכט צעשלעפּנ פונ פּאָרצימער פונ דער זאַוואָדישער וואָגנ־שטאַל, וו ער האָט זיכ געוואַלגערט צווישנ כלאַמ, אונ כאָטש פונ דעמ פּאָ־טעל האָבנ צוזאַמענ מיט דער טירסע אַרויסגע־שטעקט הוילע פּרושינעס, האָט ער אָבער אימ, ווי א ווערטפולע זאַכ, שטאַרק אָפּגעהיט אונ האָט קיינעמ ניט דערלויבט זיכ זעצנ אױפ אימ, סיידנ זיינ „אַלטע", די פּאַניע קלימציע, קומט אַריינ פונ דערפל, אַדער זיינ טעכטערל די פריילעכע זאָסיע פליט אַריינ, ווי א דריידל—זיי מעגנ.

ער האָט זיכ דערמאָנט אָנ זאָסיענ... זאָסיע!... עפּעס האָט ער אַנגעהויבנ באַמערקנ... נו, ווער ווייס זי... עפּשער, נאָר אויסגעוויזנ?..

יאָנ האָט זיכ שוינ לאַנג צוגעפּאַסט צומ טונ־קעלעמ פּאָדער־צימער מיטנ פּאָטער־שטול, ער האָט זיכ אַפילע שוינ צוגעוווינט צו זיי. דאָ וואָלט ער זיכ געלעבט, ציטנווייז באַזוכט דאָס דערפל אונ כוצ דעמ האָט דאָ נאָכ געשמעקט מיט באַ־קאַנטע אַלטע צייטנ.

פונ יענער זייט טיר, הינטער די פענצטער האָבנ זיכ געקייקלט שנעלע, פריידיקע טעג.

דאָרט האָט זיגעריש געזונגענ דאָס לעבנ. דאָרט זיינענ דורכגעשוומענ ראַשיקע קוויטנדיקע מאַני־פעסטאַציעס אונ עס האָבנ הימנענ געדונערט, אונ ער, פּונקט ווי א שפּינ אינ ווינקל, איז געזעסנ אינ טונקעלנ פּאָדער־צימער, האָט זיכ צו אַלצ צוגע־

הערט, און האָט נאָר מיט פאַרדראָס געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַט קאָמעדיאַנטן, — האָט ער געזאָגט, — וועג וועט שוין א סאָף נעמען צו דעם אַלעמען?..

נאָכן אָנבײַסן האָט יאַן מעכאַניש אַ טרייסל געטאָן דאָס טוטין־טאַרבעלע און האָט צונויפגעדרייט א גראָבן ציגאַר פון קאָנטאַרסקע פּאַפּיר. הינטער די פון רויך פאַרגעלטע, אַזש רויטלעכע וואָנצעס, האָט עפּעס זיך צעשיפּעט. די גרויענקע אויגעלעך האָבן אָנגעהויבן אַרומלויפן אין די שפּעלטעלעך, און דאָס גאַנצע געזיכט, איז איינגעזונקען געוואָרן אין זײַן בלויען רויך.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרבעטס־טאָג. די טירן האָבן אָפּטער זיך צעסקריפּעט. שוין נימעס געוואָרן. אָט אַזוי נעכטן, אַזוי אייערנעכטן — די גאַנצע צײַט אַזוי...

נאָך פון דערווײַטנס האָט יאַן יעדן דערקאָנט לויט זײַן גאַנג. איינעם האָט ער אומיסטן ניט באַמערקט, איינעם האָט ער אָפּגעגעבן א ברייטן „גוט מאָרגן“ און אופגעעפנט די טיר. ער האָט גוט געוווסט, וויפל קאָווער מע דאַרף דעם אָדער יענעם אָפּגעבן.

אָט האָבן זיך דערהערט סאַווקעס טריט, און ער האָט זיך גיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע און האָט זיך געמאַכט ווי ער איז פאַרטאָן: זאָל, הייסט עס, די נאַטשאַלסטווא וויסן, אַז דער דינער איז אָפּן

אַרט, נאָר מיט אַזאַ גאַטשאַלסטוואַ איז גלײַכער זיך ניט זען.

אין קאַנטאָר אַרײַן איז מען איצט געגאַנגען פרײלעכער ווי שטענדיק, עפּעס פרישער. די מערהייט אין ווײַסן. די מײדלעך מיט בלומען אַפן ברוסט און אין די האָר, לעבעדיקע און מונטערע. אפילו דער בוכהאַלטער, א טרוקענער כמורער אַלטיטשקער, האָט דורכגײענדיק היינט דעם פאַרדער־צימער, געמורקעט אונטערן נאָז עפּעס אַן אומקלאָר לידל.

דער פריילינג האָט געוועקט אויך אַפ יאַנען. ניט ווילנדיק האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט א װאַרעמער שטימונג. עפּעס א ווײכע רויקײט האָט אים אָנגעפילט, פאַרקלענערט די אַלטע סינע, און האָט אים געמאַכט גוטמוטיקער.

פון יענער זייט טיר אין קאַנטאָר, האָבן שוין די רעכנבײַנדלעך (סטשאָטעס) געצאָקעט, די מאַשינקעס האָבן ווי אַרבעס געשאָטן און איבער אַלץ איז געשטאַנען דאָס צוגעשטיקטע הודערן פון דעם אַרבעטס־טאָג.

און דורך דעם האַלב טונקעלן פאָרצימער זײַנען אַלץ דורכגעגאַנגען און דורכגעגאַנגען פאַרטאָגענע מענטשן. זיי האָבן קימאַט ניט באַמערקט יאַנען אין טיפן פאָטעל. זיי האָבן גלײַכגילטיק געשראָקעט פאַרבײַ אים.

אויך יאַן האָט פון הינטער די אָנגעהאַנגענע ברעמען פיל געקוקט אַף זיי, צופרידן, וואָס מע

טשעפּעט אים ניט. און ער האָט פון גאָרניט געוואָלט טראַכטן. סײַדן פון אָווער... ער האָט גערוט נאָר דאָס, ווען די געדאַנקען זײַנען געווען אין ווײַטן אָווער. דענסטמאָל האָט ווייך און וואַ־רעם גענאָגט דאָס האַרץ.

יאַנ האָט דאָך עפּעס געהאַט אַן אָווער—צי וועט ער זיך אומקערן?.. צי וועלן זיך צו אים ווידער אומקערן די רויִקע זאַטע טעג, ווען ער וועט זיך ניט דאַרפן טרייסלען איבער יעדן גראָשן, און קלימציע וועט ווידער באַקן געשמאַקע מלינציעס, וועט אַ שקאָליק שטעלן צום וואַרמעס, ווען אַלע וועלן אים אָפּגעבן קאָוועד און קיינער וועט ניט וואַגן אים רופן „באַרבאָס" און יאַן וועט אָנטאָן זײַן געציאַצקעוועטע זשיפּעצע און וועט אַרויס אויפן פּלאַץ נעבן שטאָל, ווו די יאַטן טרייבן אין מאַגיעזש די פּריצישע פערד, ער וועט אַ דריי טאָן די וואָנצעס און וועט אַ הויקע טאָן איבערן גאַנצן הויף:

— סמאָליעט מיט די בייטשן, ווייל כ׳וועל קיינע קאַשע ניט געבן!.. אָדער ער וועט אַרויספליען מיט פיר פערד געשפּאַנט אין סטעפּ, און וועט אָפּ טויט דערשרעקן די דורכגייערס, און די פּאַ־ניטשעס וועלן הינטן זיך קייקלען פון געלעכטער און וועלן אים פּאַטשן איבער דער פּלייצע:

— עב, איז דאָס אַ יאַנעק!..

— כאָווער,—האָט זיך פון קאָנטאָר אַרויסגע־

רוקט דעם קאָנצעליאַריסטס קאָפּ,—דער זאַווקאָמ־ רופט.

און די זיסע זיכרוינגעס האָבן זיך מיטאַמאָל איי־ בערגעריסן...

יאַן האָט זיך צעפינטלט מיט די אויגן, האָט זיך א דריי געטאָן און איז אַוועק.

— גוט מאָרגן, כאַווער יאַן, האָט סאַווקע זיך געגריסט פראַסט און העפלעך, ווי זיין שטייגער.

— אַ גוטן...—האָט יאַן ברויגעז אַ בורטשע גע־ טאָן.

— טראָגט אָפּ, כאַווער, דעם פּאַפּיר אין קלוב אריין און קערט זיך באַלד אום מיט אַן ענטפער.

יאַן האָט מעכאַניש אַוועקגעשאַרקערט צום טיר.

... אין קלוב, וואָס האָט זיך געפונען אַפּן צווייטן זייט פון זאַוואָד, איז געווען ראַשיק, ניט געקוקט אַפּ דער אַרבעט־צייט. מע האָט געקלאַפּט מיט העמערלעך אין וואַנט אַריין—מע האָט עפּעס צוגעקלאַפּט. די יונגוואַרג איז רידעוודיק אַרומגע־ לאָפן מיט פאַנען, מיט יעלנ־צווייגן.

— וואָס קומט דאָ פאָר בא אייך?—האָט יאַן געפרעגט באַם ערשטן יאַט, און האָט איראָניש צוגעשמורעט די אויגן.

— היינט וועלן פאָרקומען רויטע קריסטינעס.

— איר וועט הייסט עס פראַוועך קריסטינעס? — האָט יאַן אַ שמייכל געטאָן.—איר זייט, הייסט עס, געוואָרן גאַלאָבים?.. נו, צייטן...

באַם אַרויסגאַנג האָט ער מיט אינטערעס אריינ־

געקוקט אין דער אָפענער זאַל אַריין, ווו עס האָט געראַשט די יונגוואַרג און איז געבליבן געפּלעפט: אַף דער פּאָדלאָגע צווישן די מיידלעך, וואָס האָבן גירליאַנדעס געפלאָכטן, איז געזעסן זיין זאַסיע. ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט,—יאָ, עס איז זי, זיין גאָלדן־האָריקע זאַסיע, אין א בונטינק בלוז־קעלע.

— זאַסיע!—האָט יאַנ א הוקע געטאָן.

די העמערלעך האָבן געקלאַפּט, עס איז געווען לעבעדיק און ראַשיק און זי האָט, ווײַזט אויס, ניט געהערט.

— זאַסקע! פאַרשאָלטנ זאָלסטו ווערן!—האָט ער העכער א הוקע געטאָן — מע האָט זי אָבער איגנאָרנצן פאַרשטעלט.

יאַנ האָט זיך דערמאָנט, אז סאַווקע וואַרט, און האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט באַשלאָסן שפּעטער זיך דורכשמועסן.

דעם גאַנצן וועג ביז דער קאָנטאָר, האָט ער גע־טראַכט וועגן דער טאָכטער און ס'האָט זיך אים ניט געלייגט אַפן געדאַנק, פאַרוואָס זי דרייט זיך אַפן זאַוואָד, און נאָך אין קלוב, און דערצו נאָך שאַבעס, ווען אין דערהיים איז אָן א שיר אַרבעט. און פאַרוואָס איז זי צו אים ניט אריין, זי האָט, ווײַזט אויס, מוירע געהאַט... ניט געוואָלט קיין ליגן זאָגן, און געדענקט גוט, אז ער האָט איר פאַר־באָטן גיין אין די קלובן.

יאַנען האָט עס באַאומרויִקט. זאַסיען, דאָס בעס־

טע, וואס ער פארמאָגט, האָט ער ליב געהאַט מער פון אַלץ. ער האָט געהאַלטן, אז זי איז זיין אייגנ־טום, און קיינער כוץ אים האָט אפ איר קיין רעכט ניט, און ער האָט אַפ איר אייפערדיק אַכטונג געגעבן.

איבערגעגעבן סאַווקען דעם ענטפער, האָט ער זיך אומגעקערט אין פאַרעצימער, אָבער ער האָט שוין ניט געקאָנט איינזיצן. די הענט האָבן זיך גע־טרייסלט, ווען ער האָט צונויפגעדרייט א ציגאַר. ער האָט איילנדיק אויסגעדרייט, און אים אָנגעקומען אין ווינקל, און דערביי זיך דער־מאָנט, אז אין ווינקל ליגט א זאַק אפ קוילן, וועלכער קאָן זיך נאָך אָנצינדן. ער האָט זיך א וואַרפ געטאָן צום זאַק, האָט צעטראַטן דעם צי־גאַר מיטן שטיוול. דערנאָך האָט ער פאַרזיכ־טיק צעוויקלט דעם זאַק, זיך צוגעקוקט צי האָט ער אים טאַקע ניט אָנגעצונדן און האָט מיט קאַעס אים א שליידער געטאָן אונטער די טרעפּ.

זאַסיע, סאַווקע, די קוילן — אַלץ האָט זיך צונויפ־געמישט, פאַרדרייט, אוועקגעשוואומען... ער האָט בעשום־אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין זאַסיען. שוין א צייט, אַז ער האָט באַמערקט, ווי זאַסיע דרייט זיך אַרום פון זיינע הענט, ער האָט זיך אָבער באַ־רויקט דערמיט, וואָס זאַסיע איז יונג — זי וויל אויך מיטמאַכן א שפּיל טאָן? שוין־זשע פילט זי ניט, פאַרשטייט זי ניט? שוין זשע איז זי?..

א פינצטערער כשאַד האָט ווי א שלאַנג אַרומ־

געדרייט דאָס האַרץ און האָט זיך איינגעשמאַק־טשעט אַלץ טיפער און טיפער...

און ווידער זיצט יאַן אין פּאַטעל. ער איז צע־טומלט, ער האָט זיך פאַרטראַכט.

מע האָט צו אים געהוקעט, ער האָט ניט פאַר־שטאַנען, זיך אופגעהויבן, פּונקט, ווי פון שלאָף און נאָכדעם זיך אומגעקוקערט, ווידער געזעסן און גע־קלערט.

ס'האָט שוין געהורעט דער הוראַק אָפּ איבער־רייס. דער טאָג האָט זיך געזעצט, און אין דעם טונקעלן פאַרצימער האָט זיך אריינגעגאַנוועט אַ דורכזיכטיקער שטראַל.

נאָך אַ ציגאַר צונויפדרייען און זיך פאַרציען אַזוי, אַז עס זאָל... פּלוצים איז זאָסיע אַריינגע־שפּרונגען פון קאַנטאָר מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט. ער האָט פאַרכידעשט צעעפנט דאָס מויל.

— ווען ביסטו עס אַריין, וואָס איך האָב ניט באַ־מערקט?

— איר האָט, ווייזט אויס, געדרימלט... איך בין מיט מענטשן געגאַנגען, איר האָט ניט באַמערקט...

און פאַרוקנדיק דעם פּאַפּיר אין בוזים, האָט זאָסיע אָנגעהויבן זיך פּאָרן מיט די פינגער אינעם בינטל בלומען, וואָס איז געווען צוגעשפּילעט צו דער בלוזקע.

זי איז געווען אַ שטאַלטנע, אַ באַהעגלעכע, שע־נער פון אַלעמען, ווי עס האָט זיך יאַנען געדאַכט. ער האָט צערטלעך אָפּ איר אַ קוק געטאָן, און

פון די לעבעדיקע אויגן, פון די גאָלדענע האָר הינ־
טער דער פאַטשיילע, פונעם זאַפטיקן צעשניט
פון די טונקעלע ליפּן האָט אים אַ שמעק געטאָן
מיט הײנטיקן שטײפן פרימאָרגן. ער האָט גליקלעך
מיט געווע אַ שמייכל געטאָן, און שאָקלענדיק
מיטן קאָפּ אין דער זייט פון קאָנטאָר האָט ער
געפרעגט:

— נאָך וואָס ביסטו געגאַנגען?

— מיכײַלאָוו איז קראַנק געוואָרן... האָט געבעטן,
אַז ווען כ'וועל זײַן אַפּן זאַוואָד, וועגן אים דער־
מאָנען.

— אַז כ'וועל זײַן אין זאַוואָד... אַף וואָס, צו אַלדע
רוכעס, דאַרפסטו האָבן דעם זאַוואָד?

איר ברוסט האָט זיך פון אופרעגונג אופגעהויבן,
די פינגער האָבן געציטערט אַף די בלומען.

זי האָט נידעריק אָנגעבויגן דעם קאָפּ און האָט
שטיל עפּעס אָנגעהויבן זינגען.

יאַן האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

— וואָס פאַרא פּאַפּיר איז בא דיר ?

— וו ?

— אין בוזים.

— אַ... דאָס האָט מען געבעטן אין קאָנטאָר
איבערגעבן מיכײַלאָוון.

— באַווייַז.

— אַטאַ... איך וועט סיזוי ניט איבערלייענען...
צו וואָס דאַרפט איר? און האָט צוגעדריקט די
האַנט צום ברוסט.

— ווייז אהער.

— ס'ניט אינטערעסאנט. אַפּ מיין וואָרט ניט אינטערעסאַנט. זי האָט אין פאַרלעגנהייט זיך צעפינטלט מיט די אויגן.

— אוי, וואָלסטו בעסער ניט געהאַט קיין געשעפטן מיט מיכײַלאָוון...

פון אונטער די אָנגעהאַנגענע ברעמען האָט ער זיך מערער איינגעקוקט אין זאָסיעס פאַרוויטלטע באַקן און האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די וואָנצעס. ער האָט קיינמאָל קיין געדאַנק ניט געהאַט, אַז זאָסיע קאָן פון אים האָבן סוידעס, האָט ער אויך איצט איר געוואָלט גלויבן, נאָר אַ איינגעגעסנע שלענגל האָט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אײַנגעגעסן אין האַרץ.

— וואָס הערט זיך אינדערהיים?

— אַזוי... גאָרניט...

— וואָס טוט די מאַמע?

אין דער רגע האָט זיך אַרײַנגערוקט אין טיר די צעשויבערטע קאָפּ פון דעם יאַט, וואָס האָט אינדערפרי געבראַכט דעם ושאַסמין, אין דער האַלב פינצטערקייט דערקענט דאָס מיידל, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— זאָסקע, קום אַהער! מע וואַרט דאָרט אַפּ דיר...

זאָסיע האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר.

און פּלוצים, —פּונקט ווי אַפּ פּרוזשינעס איז יאַן אופגעשפרונגען פון פאַטעל.

— וואַרט צו!

זאָסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שוועל.

— קום אַהער!

— כ'האָב קיין צייט ניט. מע וואַרט דאָרט...

— קום, זאָג איך!—ער האָט אַפּן פּאָטעטישן שטייגער אויפגעהויבן זיין קאָל, זאָסיע אָבער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך.

א צעקאָעכטער האָט ער געסיפּעט דורך די אויפגעטאַרמשעטע וואָנצעס:

— —וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס פאַר א סוואָלאָטשן ויינען עס מיט דיך גוטע ברידער? הא? הא? פאַר מיר אין די אויגן זאָלן דיך אַזוינע סמאַרקאָטשעס רופן זאָסקע, פונקט ווי עפּעס א מויד...

— וואָס רעדסטו! טאַטע, ס'איז דאָך עמיצער אַנדערש.

— שווייג! ווער איז עמעץ אַנדערש?

דאָס צעשויבערטע יאָטל, וואָס איז ניט ווייט געשטאַנען, האָט זיך מיטאַמאָל צעקייכט פון געלעכטער, און זיך אויסדרייענדיק אף איין פוס איז מיט ראַש צוגעלאָפן צום טויער.

יאַנ איז אויפגעקאָכט געוואָרן.

— ווער עמיצער אַנדערש, פרעג איך! וואָס שלעפסטו זיך אַרום איבער די קלובן,—און ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס מיידל פאַר די אַרבל.

— טאַטע, דו ביסט באַמ זינען? לאָז אָפּ, ווייל כ'וועל אַנטלויפן...

— דו וועסט אַנטלויפנ ? דו באַהאַלטסט זיכ ? איכ וועל דיר באַווייזנ!

אנ אייפּערדיקער כשאַר און צאַרנ האָבנ יאַנענ אופגעטרייסלט ביזנ סאַמע גרונט. ער האָט זיכ מער ניט געקאָנט אָפּהאַלטנ.

— ווייז דאָס פּאַפּירל!

דאָס מיידל האָט דערשראָקנ א קוק געטאָנ אפנ פאָטער. אינ די אויגנ אירע האָט א ברענ געטאָנ א ייעשדיק פייערל. זי האָט צונויפגעלייגט די הענט אפנ האַרצנ און האָט פעסט געזאָגט:

— כ'וועל ניט געבנ.

יאַנ, שוינ אויסער זיכ פונ קאַעס, האָט זי א טרייסל געטאָנ איינמאָל און דאָס צווייטע, און האָט מיט גוואַלד אַרײַנגעדרוקט זײַנ האַריקע האַנט צו איר אינ בוזים.

זאָסיע האָט א קרעכצ געטאָנ, זי האָט זיכ אָבער מער ניט פאַרטיידיקט.

אינ א ווײַלע אַרום האָט שוינ יאַנ פאַנאַנדערגע־גלעט אַפ די קני אַ צעקנייטשט פּאַפּירל און האָט אומגעדולדיק־אַריינגעקוקט אינ די גרויסע אויסיעס פונ קעפל. צונויפזאַמלענדיק זיינ גאַנצע אַכטונג, אַלע זײַנע קענטענישנ, האָט ער נאָכ לאַנגער אָנ־שטרענגונג איבערגעלייענט : „אנקעטא“. און ווייטער איז געווענ געשריבנ מיט אזוינע פּיצנקעלעכ אויסיעס, אז די אויגנ נעמענ זיי ניט. געבנ עמיצנ איבערלייענענ האָט ער ניט געוואָגט.

ער האָט לאַנג פאַראַקשנט געקוקט אַפ דער

סטעליע, פאַרשמורעט די אויגן, פונקט ווי ער זאָל זיך וועלן אין עפּעס דערמאָנען, און צום סאָף האָט ער פאַרלוירן פאַנאַנדערגעפירט מיט די הענט.

דאָס צעקניטשטע פּאַפּירל האָט געציטערט און געקיצלט די האַנט... ער האָט צעריסן דאָס פּאַפּיר און עס אַוועקגוואָרפן. און גלייך האָט ער ראַב־מאָנעס געקריגן אַפן מיידל, און צו זיך אַליין איז אופגעשווומען א שווערע פאַראכטונג. ער האָט פאַרשעמט א ויפצ געטאָן, זיך אָנגעבלאָזן. און ביז ער האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, ביז וואָגען אַלע זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַן אָפּגעצוואונגענער.

אַז אין קאַנטאָר איז געוואָרן פּוסט, האָט ער זיך דערפילט בעסער. ענדלעך איז ער געבליבן אַליין מיט זיינע ווייטאָקן, מיט זיינע געדאַנקען און איז מיט קאָעס צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

קיין סאך אַרבעט איז ניט געווען — אויסקערן, אַרומווישן, קעדיי מאָנטיק קומען אַפן גרייטן. דאָך איז ער אַרומגעקראָכן אין אַלע ווינקעלעך, ער האָט באַטראַכט יעדע קלייניקייט, אַלע טישן אָפּ־געגעבן גלייכע אַכטונג און אַרומגעווישט אַלע טינטערס. ער האָט אין דער אַרבעט געוואָלט צע־מישן די אומאָנגענעמענע געדיכטעניש פון היינ־טיקן טאָג, און אַגעו פאַרציען די אַרבעט ביז פאַר־נאַכט.

ווי נאָר ס'איז טונקל געוואָרן, האָט יאַן פאַר־

שלאָסן די טירן, איבערגעגעבן די שליסלען דעם פאַרוואַלטער פון דער ווירטשאַפט, און באַרויקט דורך דער מידקייט, מיט אַ גרינגן געפיל פון באַפרידיקונג, איז ער אַרויס אין גאַס.

דעם זאַק האָט ער אַ רוק געטאָן אונטערן אָרעם.

איבערן וואָגן האָבן ווי שטענדיק געברענט פייערלעך, און דער פאַרויכערטער געמוירטער ריז, האָט אויסגעזען, ווי שטענדיק אין אָוונט, עפּעס אַנדערש אַביסל מאָדנע, עפּעס שטרענגער, ווי באַטאָג. אַן ענגער ראַש האָט זיך געהוידעט אין דער לופט, אָנגעזאַפּט מיט אַ פרילינג־רייעך. פון די פינצטערע ווינקעלעך האָט זיך געקוויקלט אַ זאַרגלאָזער געלעכטער, אַזאַ פרישער און שטייפער, און איז ערגעץ פאַרלוירן געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון די זאַוואָדישע געביידעס—דאָרט, דאַכט זיך, ווי ס'האָט קוים געברענקעט אַ מאַנדאָלינע...

יאַן איז געשטאַנען, האָט זיך אַרומגעקוקט און איז אַוועק מיט דער לענג פון דער זאַוואָדישער וואַנט אַראָפּ ביזן טייכל.

דעם וואָגן האָט ער געקאָנט, ווי זיינע פינף פינגער. יעדער שפּעלטעלע, יעדער גריבעלע האָט ער געקאָנט אָפּ אויסווייניק. נעבן וואָגן איז ער אַרומגעגאַנגען די פּוילע בלאָטע מיט פאַרזשאַווערטע זאַוואָדישע מיסט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום ריוועטשאַק. צוגעקראָכן צום ווינקל, וווּ ס'הייבט זיך אָן דער פּאַרקאַן פון ברעטער.

הינטנ אינ זומפ האָבנ זשאַבעס געקוואַקעט, פונ פאַרנט איז אינגאַנצנ שטיל געווענ. אונ נאָר דער זאַוואָר האָט פונ דערווייטנס שטרענג אונ כמורע געקוקט.

יאַנעק איז דאָס געווענ ניט דאָס ערשטע מאָל. כאָטש ער איז גאַנצע טעג געזעסנ אינ דעמ טונקעלעמ פאַרצימער אונ קימאַט נאָרניט געהערט אונ געזענ, אָבער אַלצ איז בא אימ געווענ אויסגערעכנט ביז יעדער קלייניקייט.

ער האָט נאָר פונ דער גרינג א קרעכצ געטאָנ, אַפ א ווײַלע פאַרשווונדנ אינ פּאַרקאַנ, פונקט ווי דער פּאַרקאַנ זאָל אימ אײַנשלינגענ, אונ אינ א פּאָר מינוט אַרומ האָט ער מיט דעמזעלבנ ריוו־טשאַק געטראָגנ קוילנ.

פונדאַנענ ביזנ דערפל איז געווענ ווייטער, דערפאַר אָבער זיכער. הינטנ האָט ער געוואָלט גיינ אַרומ אונ אַרומ, מיטנ נייעמ שליאַכ, מיטנ ניסנ־וועלדל פאַרביי דעמ ברעג, דערנאָכ מיט דער מעזשע גלייכ צו זיכ אינ הויפ אַרײַנ. זיכ אַרויסגעקליבנ פונ ריווטשאַק, האָט ער זיכ פאַרזיכטיק צוגעהערט, האָט זיכ אַרומגעקוקט — מע זעט ניט קיינעמ, נאָר פונ דערווייטנס האָט טויב געבורקעט אונ כמורע מיט פאַרוואָרפ געקוקט דער טונקעלער ריז אונ אונטערנ כאַמע אויער האָבנ זשאַבעס געקוואַקעט.

פונ יענער זייט ניסנ־וועלדל אונטערנ בערגל האָט זיכ אויפגעהויבנ א שיינ—די לעוואָנע איז

אופגעגאנגען. פון טשערעט האָבן ווי פלאַקס גע־
פּויזעט וואָלקנס, האָבן באַטאַפּט דעם בּרעג, און
בּענעניווע אָוועקגעשוווּמען אין סטעפּ. די קעלט
האָט געמונטערט, אונטערגעטריבּן.

ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז הינטער אים, שפּירט
עמיצער נאָך אַן אומבאַמערקטער, און ער האָט
זיך געאיילט צו דערגיין בּיזן ניסן־ווּעלדל, בּיז די
לעוואָנע וועט ניט דערגרייכן בּיז האַלבּן הימל.
דאָן האָט ער זיך אין דער פינצטער געזעצט הינ־
טער א קוסט, איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט
אויסגעמיטן די סאַמע מעסוקענע ערטער. ס׳איז
אַזוי איינגענעמען געווען אויסצוגלייכן די אָנגע־
שטרענגטע מוסקולן—זיך אויסציען... ער האָט
צוגעמאַכט די אויגן.

וואַסיע איז אופגעשוואָמען אין זיין זיקאָרן. יאָן
האָט זיך שוין צוגעגרייט דורכריידן מיט איר, רעדן
לאַנג און צערטלעך, און פון דעם נאָענטסטן גע־
האַלט איר קויפן א קווייטנדיק פּאַטשיילעכל אין
קאַאָפּעראַציע, ז׳ זאָל ניט גיין ווי די קאָמסאָמאָל־
קעס אין דער רויטער נימעסער פּאַטשיילע. ער
זאָל האָבן געלט, וואָלט ער איר פאַרשידענע זאַכן
אָנגעקויפט און וואָלט ז׳ ניט געגויט צו דער אַר־
בּעט, ז׳ זאָל זיך וואַקסן רויק און צופרידן. די שבּיי־
נים אַף צעזעצניש. דענסטמאָל וואָלט קיינער
ניט געוואַגט איר שרייען „וואַסקע“ און וואָלט מיט
אַכטונג איר געזאָגט „פּאַננא וואַסיא“, און דענסט־
מאָל וואָלט ער איר אויסגעשאַכנט א פּאַניטש.

— ייכ, ייכ!.. טיאָכ, טיאָכ, טיאָכ! — האָט ערגעצ פונ דער געדיכטעניש דער סאָלאָווײ זיכ צעגאָסנ.

די לעוואָנע איז העכער ארופגעשווומענ, אונ אינ טאָל זיינענ שאָטנס ארויסגעפּויזעט צווישנ די קאַרטשעוואַטע קוסטשעס. יאָנ האָט זיכ אופגעהויבנ, אונ איז אוועק ווייטער. ער זאָל מיטאמאָל זיכ ניט ארויסווייזנ אפ דעמ באַלויכטענעמ פּלאַצ, האָט ער זיכ אַ נעמ געטאָנ אינ אַ זײַט, איז דורכגעגאַנגענ מיט געשטרויכ ביזנ סאַמע ברעג אונ דאָ ערשט האָט ער דרייסט א טראָט געטאָנ אפ דער מעזשע. באַהאַלטנ דער לאָנקע האָט מענ א מאָל א סטעזשקע דורכגעמאַכט. זעלטנ ווער ס׳פּלעגט דורכ איר דורכגיינ, אָבער יאָנ האָט נאָכ געוואָלט זיינ פאָרזיכטיקער אונ איז געגאַנגענ אביסל אינ א זייט, געטראָטנ אפ די שפּיצ פינגער.

ביזנ דערפל איז ניט ווייט געווענ. א מינוט צענ גאַנג.

מיטאמאָל האָבנ אפ דער סטעזשקע זיכ באַוויזנ צוויי טונקעלע פיגורנ, פּונקט ווי פונ דער ערד ארויס... שטילערייט, פּאַמעלעכ, האָרט אײנע נעבנ דער אַנדערער האָבנ זיי זיכ געדרוקט אַנטקעגנ. זיי האָבנ נאָכ יאָנענ ניט באַמערקט, אָבער זיי זיינענ שוינ אַזוי נאָענט געווענ, אז ס׳האָט זיכ געהערט דער שאָרכ פונ די טריט.

יאָנ האָט זיכ פאַרטײַעט, אונ זיכ צוגעזעצט.

און אין דער ווײַלע האָט הילכיק אַ קלונג געטאָן אַף דער גאַנצער לאַנקע:

— שטיי! ווער איז דאָרטן?

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַפּן בויך, און איז אומבאַוועגלעך צוגעזאָטן צו דער ערד.

— ווער איז דאָרטן?—האָט זיך ווידער אָדויסגע־ריסן פון דער סטעזשקע און זיך שוין גלײַך אַף אים געקוויקלט.

דאָס האַרץ בײַ יאַנען האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגע־שטעלט, דערנאָך אָנגעהויבן אָפּט־אָפּט קלאַפּן און יאַן איז אַוועקגעפלויגן אין טהאָם אַרײַן.

— ווער איז דאָס? שטיי אויף! נו, שטיי אויף!— האָט זיך אַ באַקאַנט קאָל צעבײזערט איבער אים. יאַן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. פֿאַר אים איז אין דער מעושע פון בוריאַן געשטאַנען סאַווקע.

— דאָס זײַט איר, יאַן? וואָס טוט איר דאָ? יאַן האָט געשוויגן.

— און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ זאַק? אַ—קוילן...

— אוי, כאַווער סאַווקע. מאַכט מיך ניט אומ־גליקלעך—האָט יאַן דערשראָקן זיך אַ דריי געטאָן,—מאַכט מיך ניט אומגליקלעך, מײַן טײַ־ערער! איך האָב דאָך קינדער, אַ ווײַב... איר ווייסט אַליין, דאָכקעס... מאַכט מיך ניט אומגליק־לעך!..

סאַווקע האָט אופגעהויבן די האַנט און איז פֿאַר־גליווערט געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיך אָנט־

שיידנ צו אים אָנגעבויגנ און האָט א שעפּטשע געטאָנ צווישנ די ציינ:

— שווייג, דו פּאַסקודניאַק... געדענק, דאָס זאָל זיינ דאָס לעצטע מאָל! פֿאַרנעמ זיכ פֿונ דאַנענ! און ער האָט מיטנ פֿוס א שטויס געטאָנ דעמ זאַק.

יאַנ איז גיכ מיט האַכנאָע אופגעשטאַנענ. ביזנ סאַמע שטוב האָט ער זיכ שוינ ניט אַרומגעקוקט. ער איז אונטערגעלאָפֿנ, און די פֿיס זיינע האָבנ זיכ אימ געדאַכט זיינענ עפּעס ווי א פּרעמדע מאָדנע מאַשינ. אַלצ אַרומ איז געווענ ווי אינ א געדיכטנ נעפּל. דער קאָפּ איז פּוסט געוואָרנ און האָט מיט ווייטאָק געדזשעט. און אַז קלימציע האָט דערהערט זיינ קאָל און האָט די טיר געעפֿנט, האָט זיכ זיינ אייגענער קאָל אימ אויסגעוויזנ מאָדנע-פּרעמד.

— וואָס עפּעס אַזוי לאַנג?—האָט קלימציע גע־פֿרעגט.

יאַנענ האָט ווי מיט א הייטשיק א ריס געטאָנ אינעווייניק. ער האָט אַזוי בייז א קוק געטאָנ אָפּ איר און האָט אָזאַ זעצ געטאָנ דעמ זאַק אינ מיטנ קיכ, אַז פֿונ דער פּאָדלאָגע האָט זיכ א כמאַרע אופגעהויבנ. און דאָס געפּעס־שאַפּקעלע האָט אינ שרעק א ציטער געטאָנ.

— וואָס איז מיט דיר, יאַנ?—האָט זי שטיל און צעדודערט אופגעהויבנ די פֿאַרשוואָלענע אויגנ.

אַלצ, וואָס אינ אימ אָנגעזאַמלט אינ מעשעכ פֿונ א גאַנצנ טאָג, איז איצט גרייט געווענ אויסשיסנ אינ אומבאַראַכמאָנעסדיקנ קאַעס. ער האָט זיכ אָבער

דערמאָנט אינ זאָסיען. ער האָט זיכ אָפּגעהאַלטנ. פונ אויוונ האָט געשפּאַרט אַ וואַרעמע לופט. דער פּריפּעטשיק איז געווענ אַ ריינער, פֿײַנ אונטערגע־שמירט מיט ראָזער ליים. איבערנ גאַנצנ שטוב האָט זיכ געטראָגנ אַ רייעכ פונ פרישנ הייסנ ברויט. יאַנס צערייצטקייט האָט זיכ ביסלעכווייז איינגע־שטילט אונ שווײַגנדיק האָט ער אָנגעהויבנ צונויפ־דרייענ אַ ציגאַר.

— וואָס זיכ—יאַנ,—איז קלימציע פאַרזיכטיק צו אימ צו.

דאַנ האָט ער אומגעריכט פאַר זיכ אַליינ מיט עפּעס אַ ניטאויסגעדריקטנ ציטער, זי אָנגעכאַפּט באַמ עלנבויגנ, זיכ אומגעקוקט אפנ צווייטנ צימער, זאָסיע זאָל ניט דערהערנ, אונ האָט איר שטילער־הייט דערציילט וועגנ אַלצ, וואָס מיט אימ האָט זיכ געטראָפנ. אז ער האָט געענדיקט, האָט ער שטיל געפרעגט:

— זאָסיע שלאָפט?

קלימציע האָט זיכ צעפּינטלט מיט די אויגנ אונ האָט צוגעטראָגנ צומ נאָז אַ עק פאַרטוכ.

— וואָס איז? זאָסיע שלאָפט, פרעג איכ?

— ניטאָ זאָסיע.

— ווו איז זי?

— ניטא זאָסיע.... זי איז אַוועק... אַוועק פונ דאָ־נענ...

יאַנ איז געבליבנ זיצנ, ווי אַ דונער האָט אימ

דערלשאַגן—אַלץ ארום האָט זיך א טרייסל געטאָן, זיך צעטאַנצט פאַר די אויגן.

— וואָס הייסט אַוועק?

— זי האָט זיך נעכטן צעקריגט מיט מיר, און איז היינט ערגעץ פאַרשוווּנדן אפּן וואַוואַר... איך האָב דאָך דיר געזאָגט... דערנאָך איז זי באַטאַג געקומען צולויפן און האָט געוויינט... און דאָ ערשט נישט לאַנג האָט כאַווקע אָנגעקראָפּט. זי איז קיינ־מאָל נישט געגאַנגען און איצט איז זי אַוועק...

— וואָס הייסט עס? איך פאַרשטיי נישט...

קלימציע האָט זיך איין אָנגעהאַכט אָנגעבויגן אַן דעם ביישטידל און האָט ייעשדיק, ביטער זיך צע־בליפּעט אין דער ושמעניע:

— זי וועט, ווייזט אויס, אויך אין קאַמסאָמאָל אַוועק... זי קלייבט זיך... און כאַווקע לאָזט נישט רוד־ען מיט זיינע אָפּטע באַזוכן. איך האָב דיר מוירע געהאַט דערציילן, איך האָב געמיינט, דאָס מיידל וועט צום סייכל קומען, וועט זיך באַדענקען... און שוין אַ צייט, אַז זי האָט אופגעהערט גאָט בעטן.

— אין זי הייסט עס?... אַהאַ, איצט פאַרשטיי איך,—האָט יאָנ טיף א זיפץ געטאָן,—איצט איז אַלץ...

פאַרלוירן האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אפּן זעקל מיט קוילן און האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס איז מיט דיר,—האָט זיך קלימציע אָנגערופן.

ער האָט איר ניט געענטפערט.

זיי זיינען אנטשוויגן געוואָרן. האָבן לאַנג געוויגן. אין שטוב איז געוואָרן שטיל ווי אַף אַ בסוילעם. און נאָר ערגעץ אין דער ווייט פון נאָהאָבן שטאַרק הויך געהילכט די קאַלאָווייען...

פּרייז 12 קאָפּ.

Л. Н.

ською мовою:
ОБЧЕНКО
эго передпокою

На еврейском языке:
А. ЛЮБЧЕНКО
Из темной передней

ЕРЖАВНЕ ВИДАВНИЦТВО НАЦІОНАЛЬНИХ
ІЕНШОСТЕЙ УСРР ПРИ ПРЕЗИДІЇ ВУЦВК'у